## קאַפּיטל צוואַנציק

1 און איך האָב געזען אַ מלאך אַראָפּנידערן פון
הימל, האָבנדיק דעם שליסל צום אָפּגרונט
2 און אַ גרויסע קייט אין זיין האַנט. און ער
האָט געכאַפּט די שלאַנג, דעם נחש הקדמוני, וואָס
איז דער טייוול (אַליין) און דער שטן, און
3 אים געבונדן אויף טויזנט יאָר, און אַרייַנ־
געוואָרפן אין תהום אַריין, און אים פאַרשלאָסן
און פאַרחתמט פון אויבן, כדי ער זאָל מער נישט
פאַרפירן די פעלקער, ביז די טויזנט יאָר וועלן
זיך ענדיקן; דערנאָך מוז ער לויז ווערן אויף אַ
קורצער צייט.
4 און איך האָב געזען טראָנען, און מען האָט זיך
אַנידערגעזעצט אויף זיי, און דאָס משפּט איז זיי
געגעבן געוואָרן; און די נשמות פון די, וואָס מען
האָט זיי אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ צוליב דעם עדות־זאָגן
פון ישוען און צוליב ג־טס וואָרט, און וועלכע האָבן
זיך נישט געבוקט צו דער חיה, נישט צו איר בילד,
און נישט אָנגענומען דעם סימן אויף זייער
שטערן און נישט אויף זייער האַנט; און זיי זענען
לעבעדיק געוואָרן, און האָבן געקעניגט צוזאַמען
5 מיט דעם משיח טויזנט יאָר. די איבעריקע מתים
זענען נישט לעבעדיק געוואָרן ביז די טויזנט יאָר
האָבן זיך געענדיקט. דאָס איז דאָס ערשטע תחית
6 המתים. געבענטשט און הייליק איז דער, וואָס
האָט אַ חלק אין דעם ערשטן אויפשטיין; איבער די
דאָזיקע האָט דער צווייטער טויט נישט קיין שליטא;
נאָר זיי וועלן זיין כוהנים פאַר ג־ט און פאַר דעם
משיח, און וועלן קעניגן מיט אים די טויזנט יאָר.